**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע קאמפיין אריבער די סטעיט צו אינפארמירן ניו יארקער איבער קריטישע סערוויסעס פאר קורבנות, איבערלעבער און זייערע פאמיליעס נאכפאלגנדיג פארברעכן

***ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס'ס באקאנטשאפט אונטערנעמונג פארשפרייט אינפארמאציע איבער די ברייטע רייע פון שטיצע און סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען אומזיסט דורך קורבנות הילף פראגראמען איבערן סטעיט און איבער צוטריט צו פינאנציעלע הילף פאר אויסגאבן וועלכע קומען צוליב א פארברעך***

***צוועלף-וואכיגע קאמפיין וואס הויבט זיך אן היינט, אוגוסט 7, ציהלט אויך צו אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע פלעגן נישט באקומען גענוג סערוויסעס און די וועלכע ליידן פון שטייגנדע צאלן פון באריכטעטע האסע פארברעכנס: טונקל-הויטיגע, אזיאנע, אידישע און +LGBTQ מענטשן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א נייע קאמפיין אריבער די סטעיט צו אינפארמירן ניו יארקער איבער קריטישע סערוויסעס וועלכע זענען דא צו באקומען פאר קורבנות, איבערלעבער און זייערע פאמיליעס נאכפאלגנדיג פארברעכן. פינאנצירט דורך די סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services, OVS), פארשפרייט די אונטערנעמונג אינפארמאציע איבער די ברייטע רייע פון שטיצע און סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען אומזיסט דורך קורבנות הילף פראגראמען איבערן סטעיט און איבער צוטריט צו פינאנציעלע הילף פאר אויסגאבן וועלכע קומען אלץ תוצאה פון א פארברעך. די 12-וואכיגע קאמפיין וואס הויבט זיך אן היינט, אוגוסט 7, ציהלט אויך צו אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע פלעגן נישט באקומען גענוג סערוויסעס און די וועלכע ליידן פון שטייגנדע צאלן אין באריכטעטע פארברעכן: טונקל-הויטיגע, אזיאנע, אידישע און +LGBTQ מענטשן.

"עס זענען דא פארשידענע מיטלען צו באקומען אין פאל וואס א מענטש וואס וואוינט, ארבעט אדער באזוכט אונזער סטעיט פאלט א קורבן צו פארברעכן, אבער די סערוויסעס מאכן נישט אויס אויב מענטשן און פאמיליעס וויסן נישט אז זיי עקזיסטירן אדער האבן שטרויכלונגען ביים צוקומען דערצו", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר ארבעטן פאר ניו יארקער, און די ארבעט רעכנט אריין צו זיין דארט פאר זיי אין צייט פון נויט. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך די אפיס פון קורבנות סערוויסעס, און איך בין פרייליך צו פארשפרייטן די באקאנטשאפט מיט די ארבעט כדי די וועלכע נויטיגן זיך דערין זאלן וויסן גענוי וויאזוי צו צוקומען דערצו."

"הילף איז דא צו באקומען אין ניו יארק, און מיר מאכן זיכער אז שטיצע סערוויסעס זענען נישט נאר אומזיסט נאר אויך גרינג צוגענגליך פאר איבערלעבער פון א פארברעך," **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו געזאגט.** "אין ניו יארק ווען מיר שטענדיג שטיין מיט איבערלעבער, און מיר גייען זיכער מאכן אז זיי זענען אינגאנצן באקאנט מיט אלע מיטלען וואס זענען דא פאר זיי אזוי ווי זיי הויבן אן די ערהוילונג פראצעדור."

די קאמפיין איבערן סטעיט לויפט ביז זונטאג, אקטאבער 29, און עס באנוצט זיך מיט Facebook, Instagram, YouTube; Google 'סירטש'; iHeart 'סטרימינג' און ראדיא; אויפגעשפילטע אדווערטייזמענטס ביי לאקאלע ביזנעסער; און פלאטפארמעס וואס סערווירן די טונקל-הויטיגע, אידישע, אזיאנע און +LGBTQ קאמיוניטיס. אונטער די קעפל פון "זון אויפגאנג" (Sunrise), קאנצענטרירט זיך די קאמפיין אויף האפענונג און אויף דאס אנגיין ווייטער, און אזוי אויך אויף גרינגע צוטריט צו סערוויסעס און שטיצע וואס קענען העלפן מענטשן און זייערע באליבטע נאך א פארברעך.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז שוין פון לאנג א פירער ווען עס קומט צו פארזיכערן אז סערוויסעס, שטיצע און פינאנציעלע הילף פאר קורבנות און איבערלעבער זענען דא צו באקומען. אין די טעג גלייך נאך א פארברעך קען דאס אבער זיין צומישנד און שווער צו באקומען הילף. מיר ווילן אויפקלערן אלע ניו יארקער נאך בעפאר זיי גייען אריבער א קריזיס איבער די אומשאצבארע הילף וואס איז דא צו באקומען פאר זיי. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע און שותפות פאר אונזער ארבעט וואס האט א השפעה אויף די לעבנס פון איינצלנע מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס."

די אפיס פון קורבנות סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט 239 קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו קריטישע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, קעיס מענעדזשמענט, עמערדזשענסי שעלטער, ציווילע לעגאלע הילף און הילף זיך צו אריבערציהען צו א נייע פלאץ – צווישן אנדערע סארטן הילף – פאר קורבנות און איבערלעבער, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס. די פראגראמען שטעלן צו סערוויסעס אומזיסט און אפגעזעהן פון אויב א מענטש האט באריכטעט די פארברעכן צו די פאליציי אדער נישט. אדוואקאטן און סערוויס פּראָווײַדערס העלפן אויך ארויס מענטשן מיטן [אריינגעבן קלעימס פאר באצאלונג אדער פארגוטיגונג]() פאר אויסגאבן וואס זיי האבן אנגעזאמלט צוליב די פארברעך. מער פון 80 פראצענט פון קלעימס ווערן אריינגעגעבן דורך OVS-פינאנצירטע פראגראמען.

פינאנצירונג פאר די באקאנטמאכונג קאמפיין קומט פון דעם פעדעראלן 'קורבנות פון פארברעך' געזעץ (Victims of Crime Act) און עס נעמט נישט ארויס געלטער פון די פינאנצירונג פאר קורבנות הילף פראגראמען אדער באצאלונגען און פארגוטיגונגען. די אגענטור וועט איבערקוקן די תוצאות פון די קאמפיין און נוצן די ציפערן ביים באטראכטן צוקונפטיגע באמיאונגען צו אריינציהען אדער באקאנט מאכן די פובליקום.

די קאמפיין בויט ארויף אויף באדייטנדע ארבעט וואס איז שוין געטוהן געווארן דורך די אפיס פון קורבנות סערוויסעס צו פארבעסערן און פארגרינגערן צוטריט צו סערוויסעס; פארברייטערן בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף; און [פארגרעסערן קאפאציטעט צווישן סערוויסעס פּראָווײַדערס דורך פראפעסיאנאלע טרענירונג און טעכנישע הילף](). אין צוגאב, איז די אגענטור אריין אין א שותפות מיט די [קאונסיל פון סטעיט רעגירונגען יוסטיץ צענטער]() צו דורכפירן א ברייטע אונטערזוכונג פון די באדערפעניש, כדי צו בעסער פארשטיין וואס עס פעהלט פון די סערוויסעס, די קורץ- און לאנג-טערמיניגע באדערפענישן פון קורבנות און איבערלעבער און צו וויסן וואס צו באטראכטן פאר פארבעסערונגען צו פראגראמען וואס העלפן ארויס און פארשטערקערן מענטשן, באליבטע און זייערע קאמיוניטיס.

אין לעצטיגע יארן האט די OVS:

- געעפנט [OVS Resource Connect]() — אן [אינטערנעט פלאטפארמע וואס ערלויבט מענטשן צו טרעפן הילף און הילפס-מיטלען דורכן אריינשרייבן אין פשוט'ע ווערטער וועלכע סארט שטיצע זיי דארפן פאר א ספעציפישע זארג אדער באדערפעניש לויט זייער זיפ קאָוד.]() די OVS Resource Connect שטעלט דערנאך צוזאם א ליסטע פון פראגראמען וואס קענען צושטעלן סערוויסעס צו נאכקומען זייערע באדערפענישן.

- גשטופט און געשטיצט א רייע געזעצן וואס האבן – ווען זיי זענען דורכגעפירט געווארן – פארברייטערט צוטריט און בארעכטיגונג פאר פארגוטיגונג, אריינרעכנענדיג דאס ערלויבן קורבנות פון האסע פארברעכנס, אומגעזעצליכע פארשפרייטונג אדער פארעפנטליכונג פון א פריוואטע בילד און ווערן געשטעלט אין סכנה ('ענדעינדזשערמענט') פון די ערשטע אדער צווייטע דעגרי צו באקומען פארגוטיגונג פאר פארלוירענע פארדינסטן, פארברעכן סצענע רייניגונג קאסטן, קאונסעלינג און אנדערע אויסגאבן וועלכע ווערן נישט געדעקט דורך אינשורענס, אפילו אויב זיי זענען נישט פארוואונדעט.
- פארמערט פארגוטיגונג פאר וויקטיגע פערזענליכע פארמעגנס וואס זענען פארלוירן אדער געשעדיגט געווארן פון $500 צו $2,500; פארמערט עמערדזשענסי גרענטס פאר באגרעבעניש אויסגאבן צו ביז אזויפיל ווי $3,000; און פארברייטערט צוטריט צו פארגוטיגונג פאר מענטשן וואס זענען געפאלן א קורבן צו האסע פארברעכנס אבער זענען נישט פיזיש פארוואונדעט געווארן.
- אריין אין א שותפות מיט די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services) צו ארייננשטעלן לייסענסירטע סאָושעל ווארקערס און קעיס מענעדזשערס ביי SNUG גאנן אַוטריטש פראגראמען אין קאמיוניטיס וועלכע ווערן די שווערסטע באטראפן פון גאן פארברעכן און אנדערע פארברעכנס. די איניציאטיוו האט ערלויבט די OVS צו אנקומען צו מענטשן וואס האבן נישט געוואוסט פון- אדער וועלכע האבן זיך מעגליך געצווייפלט אויב זיך צו ווענדן פאר- סערוויסעס און הילף אין די פארגאנגענהייט. די שותפות האט זיך אנגעהויבן אין 2020, ווען סאָושעל ווארקערס און קעיס מענעדזשערס האבן ארויסגעהאלפן א דורכשניט פון 275 מענטשן דורכאויס יעדע פערטל פון די יאר. לעצטע יאר האבן די פראפעסיאנאלן געזעהן א דורכשניט פון 733 מענטשן פער פערטל יאר, צושטעלנדיג קאונסעלינג און עמאציאנאלע שטיצע, העלפנדיג צוקומען צו זיכערע האוזינג און צו אפליייען פאר פארגוטיגונג פאר פארברעכן-פארבינדענע אויסגאבן, אריינרעכנענדיג באגרעבעניש קאסטן.
- צוגעשטעלט 6.3 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אויסגעשפרייט איבער צוויי יאר פאר קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען וועלכע ארבעטן אין געגנטער וועלכע ווערן די שווערסטע באטראפן דורך גאן פארברעכן.

די אפיס פון קורבנות סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט א נעטווארק פון קורבנות הילף פראגראמען אריבער די סטעיט און שטעלט צו א קריטישע פינאנציעלע זיכערהייט נעץ פאר מענטשן וועלכע האבן אויסגאבן אין פארבינדונג צו א פארברעכן אבער האבן נישט די מיטלען זיי צו קענען באצאלן. די אגענטור שטעלט צו פינאנציעלע הילף און פארגוטיגונג פאר בארעכטיגטע קורבנות פון פארברעכן און פאר זייערע פאמיליעס פאר מעדיצינישע און קאונסעלינג אויסגאבן, לוויה און באגרעבעניש אויסגאבן, פארלוירענע געהאלטן און שטיצע, אין צוגאב צו אנדערע סארטן הילף. ניו יארק איז די איינציגסטע סטעיט אין דאס לאנד וואס האט נישט קיין גרעניץ אויף וויפיל מעדיצינישע און קאונסעלינג אויסגאבן קענען באצאלט ווערן, וואס מיינט אז מענטשן קענען באקומען הילף אזוי לאנג ווי זיי דארפן דאס. פאַלאָוט די אפיס פון קורבנות סערוויסעס אויף Twitter און Facebook.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן